באלדיגע געברויך פאר פערזענליכע
קעיר/קאנסומער אנגעפירטע פערזענליכע
הילף סערוויסעס אינפארמאציע מעלדונג
און באשטעטיגונג בויגן

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Division of Program Development and Management
(אפטיילונג פון פראגראם אנטוויקלונג און מענעדזשמענט)

## <u>באלדיגע געברויך פאר פערזענליכע קעיר סערוויסעס/קאנסומער אנגעפירטע פערזענליכע הילף סערוויסעס</u>

אויב איר טראכט אז איר האט א באלדיגע געברויך פאר פערזענליכע קעיר סערוויסעס (Personal Care Services, PCS) אדער קאנסומער אנגעפירטע פערזענליכע הילף סערוויסעס (Consumer Directed Personal Assistance Services, CDPAS), אזויווי הויז-ארבעט, אנגרייטן עסן, באדן, גיין צו די באדע צימער, קען אייער בארעכטיגונג פאר די סערוויסעס ווערן פראצעסירט שנעלער אויב איר קומט נאך די פאלגענדע באדינגונגען:

- איר האט נישט קיין אומפארמאלע קעירגעבערס אוועילעבל, פעאיג און וויליג צו צושטעלן אדער ווייטער צוצושטעלן קעיר;
- איר באקומט נישט נויטיגע הילף פון א היים קעיר סערוויסעס אגענטור;
- איר האט נישט קיין אדאפטיווע אדער ספעציאליזירטע געצייג אדער צוגעהער אין באנוץ נאכצוקומען אייערע געברויכן; און
- איר האט נישט קיין דריטע פארטיי אינשורענס אדער Medicare בענעפיטן אוועילעבל צו צאלן פאר די נויטיגע הילף.

**אויב איר האט נאכנישט Medicaid דעקונג**, און איר קומט נאך די אויבן דערמאנטע באדינגונגען, קענט איר בעטן צו האבן אייער Medicaid אפליקאציע פראצעסירט שנעלער דורך ארייגשיקן: אן אויסגעפולטע צוטריט צו NY העלט אינשורענס אפליקאציע (DOH-4220); די צוטריט צו NY ביילאגע A (DOH-5178A), אויב נויטיג; א דאקטער'ס באשטעלונג (DOH-4359 אדער HCSP-M11Q) אדער פראקטישינער דערקלערונג פון געברויך (DOH-5779) פאר סערוויסעס (זעט באמערקונג אונטן); און אן אונטערגעשריבענע "באשטעטיגונג פון באלדיגע געברויך" (בלאט 3 פון דעם מעלדונג).

**אויב איר האט שוין Medicaid דעקונג וואס רעכנט נישט אריין דעקונג פאר קאמיוניטי-באזירטע לאנג טערמיניגע קעיר סערוויסעס**, דארפט איר ארייגשיקן אן אויסגעפולטע צוטריט צו NY ביילאגע A (DOH-5178A); א דאקטער'ס באשטעלונג (DOH-4359 אדער HCSP-M11Q) אדער פראקטישינער דערקלערונג פון געברויך (DOH-5779) פאר סערוויסעס (זעט באמערקונג אונטן); און אן אונטערגעשריבענע "באשטעטיגונג פון באלדיגע געברויך" (בלאט 3 פון דעם מעלדונג).

**אויב איר האט שוין Medicaid דעקונג וואס רעכנט אריין דעקונג פאר קאמיוניטי-באזירטע לאנג טערמיניגע קעיר סערוויסעס**, דארפט איר ארייגשיקן א דאקטער'ס באשטעלונג (DOH-4359 אדער HCSP-M11Q) אדער פראקטישינער דערקלערונג פון געברויך (DOH-5779) פאר סערוויסעס (זעט באמערקונג אונטן); און אן אונטערגעשריבענע "באשטעטיגונג פון באלדיגע געברויך" (בלאט 3 פון דעם מעלדונג).

**באמערקונג:** אויב איר זענט אונטער 18 יאר אלט, דארפט איר האבן א דאקטער'ס באשטעלונג בויגן (DOH-4359 אדער HCSP-M11Q). אויב איר זענט 18 אדער עלטער, קענט איר האבן אדער א פראקטישינער דערקלערונג פון געברויך בויגן (DOH-5779) אדער א דאקטער'ס באשטעלונג (DOH-4359 אדער M11Q).

<u>**אויב איר האט נאכנישט Medicaid דעקונג אדער איר האט Medicaid דעקונג וואס רעכנט נישט אריין דעקונג פאר קאמיוניטי-באזירטע לאנג טערמיניגע קעיר סערוויסעס:**</u> אלע פון די געפאדערטע בויגנס (זעט די פאסיגע ליסטע, אויבן) מוזן ווערן געשיקט צו אייער לאקאלע סאושעל סערוויסעס אפיס אדער, אויב איר וואוינט אין NYC, צו די Human Resources Administration (יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע, HRA). אזוי שנעל ווי מעגליך נאכן באקומען אלע פון די בויגנס, וועט די סאושעל סערוויסעס אפיס/HRA דאן איבערקוקן צו מאכן זיכער אז איר האט ארייגעשיקט אלע אינפארמאציע נויטיג צו באשטעטיגן אייער Medicaid בארעכטיגונג. אויב נאך אינפארמאציע איז נויטיג, מוזן זיי אייך שיקן א בריוו, נישט שפעטער ווי פיר טעג נאכן באקומען די געפאדערטע בויגנס, צו פארלאנגען די פעלנדע אינפארמאציע. די בריוו וועט אייך זאגן וועלכע דאקומענטן אדער אינפארמאציע איר דארפט ארייגשיקן און די דאטום ביז ווען איר מוזט עס שיקן. ביז נישט שפעטער ווי 7 טעג נאך די סאושעל סערוויסעס אפיס/HRA באקומט די נויטיגע אינפארמאציע, מוזן זיי אייך לאזן וויסן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר Medicaid. ביז נישט שפעטער ווי 12 טעג נאכן באקומען אלע נויטיגע אינפארמאציע, וועט די סאושעל סערוויסעס אפיס/HRA אייך באשטעטיגן אויב איר קענט באקומען PCS אדער CDPAS אויב איר זענט געפינען געווארן בארעכטיגט פאר Medicaid. איר קענט נישט באקומען די היים קעיר פון Medicaid סיידן איר זענט געפינען געווארן בארעכטיגט פאר Medicaid. אויב איר זענט געפינען געווארן בארעכטיגט פאר Medicaid און PCS אדער CDPAS, וועט די סאושעל סערוויסעס אפיס/HRA אייך לאזן וויסן און איר וועט באקומען די היים קעיר אזוי שנעל ווי מעגליך.

**<u>אויב איר האט שוין Medicaid דעקונג וואס רעכנט אריין דעקונג פאר קאמיוניטי-באזירטע לאנג טערמיניגע קעיר סערוויסעס:</u>**
די דאקטער׳ס באשטעלונג (DOH-4359 אדער HCSP-M11Q) אדער פראקטישינער דערקלערונג פון געברויך (DOH-5779), און די אונטערגעשריבענע באשטעטיגונג פון באלדיגע געברויך מוזן ווערן געשיקט צו אייער לאקאלע סאושעל סערוויסעס אפיס אדער HRA. ביז נישט שפעטער ווי 12 טעג נאכן באקומען די געפאדערטע בויגנס, וועט די סאושעל סערוויסעס אפיס/HRA באשטעטיגן אויב איר קענט באקומען PCS אדער CDPAS. אויב איר זענט געפינען געווארן בארעכטיגט פאר PCS אדער CDPAS, וועט די סאושעל סערוויסעס באאמטער/HRA אייך לאזן וויסן און איר וועט באקומען די היים קעיר אזוי שנעל ווי מעגליך.

די נויטיגע בויגנס קענען ווערן באקומען פון אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאושעל סערוויסעס אדער זענען אוועילעבל צו ווערן געדרוקט פון די דעפארטמענט אוו העלט׳ס וועבזייטל ביי: http://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/#apply

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Division of Program Development and Management
(אפטיילונג פון פראגראם אנטוויקלונג און מענעדזשמענט)

## באשטעטיגונג פון באלדיגע געברויך פאר פערזענליכע קעיר סערוויסעס/קאנסומער אנגעפירטע פערזענליכע הילף סערוויסעס

איך, ________________________ (נאמען)

באשטעטיגט אז איך בין אין געברויך פון באלדיגע פערזענליכע קעיר סערוויסעס אדער קאנסומער אנגעפירטע פערזענליכע הילף סערוויסעס.

איך באשטעטיג אויך אז:

- קיין וואלונטירישע אומפארמאלע קעירגעבערס זענען אוועילעבל, פעאיג און וויליג מיך צו צושטעלן אדער ווייטער צוצושטעלן נויטיגע הילף;
- קיין שום היים קעיר סערוויסעס אגענטור שטעלט מיך צו נויטיגע הילף;
- אדאפטיווע אדער ספעציאליזירטע געצייג אדער צוגעהער אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו קאמאודס ביי די בעט, יורינעלס, וואלקערס אדער רעדל בענקלעך, זענען נישט אין באנוץ נאכצוקומען, אדער קענען נישט נאכקומען, מיין געברויך פאר הילף; און
- דריטע פארטיי אינשורענס אדער Medicare בענעפיטן זענען נישט אוועילעבל צו צאלן פאר די נויטיגע הילף.

**איך באשטעטיג אז די אינפארמאציע אויף די בויגן איז ריכטיג און גאנץ לויט מיין בעסטע וויסנשאפט.**

________________________ ________________________

אונטערשריפט פון אפליקאנט/פארשטייער דאטום אונטערגעשריבן

## אינדיווידועלן וואס באקומען לאנג טערמיניגע קעיר סערוויסעס אין א נורסינג היים אדער שפיטאל אומגעבונג

אויב איר באקומט לאנג טערמיניגע קעיר סערוויסעס אין א נורסינג היים אדער א שפיטאל אומגעבונג און ווילט אהיימגיין, קענט איר האבן אייער בארעכטיגונג פאר פערזענליכע קעיר סערוויסעס אדער קאנסומער אנגעפירטע פערזענליכע הילף סערוויסעס פראצעסירט שנעלער. פאלגט אויס די אנווייזונגען אויף די פריערע בלאט און פולט אויס די אינפארמאציע געפאדערט אונטן.

איך בין אין א נורסינג היים אדער א שפיטאל אומגעבונג און האב א דאטום באשטימט אהיימצוגיין אום

________________________

דאטום

פארבינדט זיך מיט מיך אדער מיין לעגאלע פארשטייער דורך רופן ________________________ .